# „י אָ ד י ש"

**די לעצטע פּרוּוו צו ריידן דעם האָלענדישן יידיש. — זי איז געשטאָרבן אין 1930.**

שמאָלע, דורכזיכטיקע קאַנאַלן. קליינע, שטיינערנע הייזער. דעכער, רויטע, הענגען טיף איבער די פענסטער. צווישן די קאַנאַלן אַ פּירעקיקער מאַרק. אַן אַלטער קאַטעדראַל הייבט זיך איבער דער שטאָט. שטיין אויף שטיין, שטיין איבער שטיין, רויִק, נישט אַרומגעהאַקטע — אַ טורעם, וואָס ווערט דינער און דינער, פאַרשפּיצט זיך, דערציילט ווי דער אַמאָליקער מענטש האָט געשטורעמט די הימלען. און פון דעם קאַטעדראַלס געזימסן קוקן אַראָפּ „כימערעס" אין די צענדליקער, אין די הונדערטער. און זייערע אויגן? ביי אַ מענטשן קאָן מען קיינמאָל ניט זען אַזוי פיל פּיין און טרויער.

אין אַ זייטיקער גאַס, וואָס פירט הינטער דער שטאָט — אַ הויז פון רויטע ציגל. אין דעם הויז צווישן אַלמערס ביכער, פאָליצעס ספרים, דרייט זיך אַרום ד"ר וואַן־קאַסטראָ. מיט זיבעציק יאָר צוריק איז וואַן־קאַסטראָ אין דעם הויז געבוירן געוואָרן. צו פינף־און־צוואַנציק יאָר האָט ער שוין געהאַט געענדיקט דעם אַמסטערדאַמער ראַבינער־סעמינאַר. ער איז ענלעך געווען אויף דער מוטער, דער אשכנזערין, נישט אויפן פאָטער, דעם פּאָרטוגעזער. אַ געוויקסיקער. דאָס פּנים ליכטיק. די האָר און דער עיקר דאָס זיידענע בערדל — ליכטיקער. און די אויגן? בלוי, ווי דער רויִקער ים מיטאָג־צייט.

דער יונגער מנשה וואַן־קאַסטראָ האָט נישט געטראַכט וועגן רבנות. ער האָט זיך געטראָגן איבער דייטשלאַנד, איבער פראַנקרייך, איבער ענגלאַנד, איז איבערגעגאַנגען פון פילאָסאָפיע אויף פילאָ-

לאגיע, ער האט נישט געקאנט שלום מאכן מיט די פארגלייך-פילאלאגן, וואס טיילן שפראכן אין „פאמיליעס“ און לאזן בשעת-מעשה ארויס כינעזיש, ווייל כינעזיש פאסט זיך נישט אריין אין קיין איין „משפחה“, וואס זיי האבן צוגעטראכט.

דער יונגער וואן-קאסטרא האט זיך געבונטעוועט, נישט געקאנט מסכים זיין, אז אין אנהייב איז געווען איין שפראך.

ער איז דעמאלט יונג געווען. ער האט זיך געקליבן אויפצוטרייסלען די פארגלייך-פילאלאגיע, וואס האט פארריסן די נאז, זיך געהאלטן פאר אן איינגעפונדעוועטער וויסנשאפט, וואס מען קאן פון ארט נישט רירן.

איבער א חודש ווי וואן-קאסטרא האט פארבראכט אין קארנוואל, ענגלאנד. ווי א פארווארפן דערפל, ווו א שטעטל ווייט פון א באן, פון א טראקט — וואן-קאסטרא איז דארט געווען. ער איז געווען זיכער, אז מיטן חורבן-ירושלים האבן די רוימער פארשיקט מחנות יידן אין די קופער-און צין-מינעס, וואס אין קארנוואל. נישט אומזיסט הייסן נאך איצט אין קארנוואל די אלטע גיסערייען — יידישע הייזער. און א שטעטל, א גאנץ שטעטל, הייסט — יידישער מארק. און אז די פארגלייך-פילאלאגן האבן אויסגעפשטלט פונקט פארקערט, דערציילט, אז קעלטישע נעמען האט מען צעדרייט אויף יידישע, אויף העברעישע, אז אין קארנוואל באווייזן זיך ערשט יידן אין צוועלפטן יארהונדערט און דאס אויך ווּכערער, נישט קיין מינען-ארבעטער — איז וואס? ער, וואן-קאסטרא, האט געהאט ראיות, שטארקע ראיות, אז די טראנספארטן קופער און צין, וואס מען האט געשיקט פון קארנוואל קיין רוים, האבן יידן געגראבן אין די מינעס, האבן יידן גערייניקט אין די גיסערייען.

וואן-קאסטרא האט געקליבן העברעישע ווערטער, וואס די פארגעסענע קארנישע שפראך האט איינגעזאפט אין זיך. און אז ער איז שוין געווען אויפן שפור, אז קארניש איז קרוביש מיט סעמיטישע שפראכן, האט ער מיט אמאל באקומען א בריוו פון זיין פאטער, און געמוזט איבעררייסן די ארבעט.

דער פאטער, ר' ישראל וואן-קאסטרא, דער לימבורגער רב, האט צווישן אנדערס געשריבן:

„...מנשה, טייערער זון, קום אַהיים. כּ'פֿיל זיך ל'עצטנס ניט מיט אַלעמען. איב ס'וועט זיין פֿון גאָט באַשערט, וועלן מיר זיך נאָך געזעגענען, וועל איך נאָך אַ קוק טאָן אויף דיר".

מנשה וואַן־קאַסטראָ איז שוין מער פֿון לימבורג נישט אַרויסגעפֿאָרן. דעם פֿאָטערס טויט, זיין צוואה, ער, מנשה, זאָל איבערנעמען סרבנות, די אַלטע מאַמע, די קהילה, וואָס איז צוגעשטאַנען, און דער עיקר — גליקכן.

גליקכן נעמט זיך ניט איבער, וואָס זי איז שיין, וואָס זי איז פֿריילעך אָן אַ פֿאַרוואָס. זי נעמט זיך איבער מיט אירע „יאָדישע" לידער, וואָס זי איז די איינציקע אין לימבורג, וואָס רעדט נאָך „יאָדיש". איר באָבע, איר מאַמע, זי, גליקכן, זיינען דאָרפֿישע און אין האָלענדישע דערפֿער ריידן נאָך יידן „יאָדיש". דאָס אימפּאָנירט וואַן־קאַסטראָן. דערצו זיינען ביידע יונג, ביידע בלאָנד און אין שטעטל איז שבועות. גרינלעכע שטיקער ליכט קומען אַריין דורך די אָפֿענע פֿענסטער, קומען פֿון די פּלאַנצן, פֿון די ביימער, פֿון דעם גראָז, וואָס אין געדיכטן סאָד. אין אַזוינע טעג בענקט מענטש נאָך געוויקסן, גייט אויס נאָך אַ צווייטן מענטש. אין אַזוינע טעג האָבן גליקכנס אָפּגעדעקטע הענט און אַקסל געקילט ווי מירמלשטיין, געקילט ווי גראָז אין שאָטן, ווי פֿריש־צעאַקערטע ערד.

דעמאָלט איז נאָך דער מאַרק אינגאַנצן געווען באַוווינט מיט יידן. יידישע הייזער — שמאָלע, גאָר שמאָלע, מיט שווינדל־טרעפּ. דאָ האָבן געוווינט רייַכע סוחרים, וואָס האָבן געשיקט קיין דייטשלאַנד, אַפֿילו קיין פּוילן, האָלענדישע קי און פֿערד. אַן אַלטע קהילה, די לימבורגער. אין פּנקס איז פֿאַרשריבן, ווי אין די צייטן פֿון שבתי־צבי האָבן איבער צוואַנציק משפּחות, כּמעט די גאַנצע קהילה, פֿאַרקויפֿט די הייזער פֿאַר אַ שיבוש און זיך געלאָזט אין דער וועלט אַריין באַגעגענען משיחן. צוויי יאָר שפּעטער זיינען זיי צוריקגעקומען, האָבן געבראַכט מיט זיך צענדליקער נייע משפּחות, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון כמעלניצקיס שחיטות.

הינטערן רבס הויז שטייט די שול, הינטער דער שול — דער בית־עולם. די שול איז ענלעך אויף אַ פֿעסטונג. דער דאַך אַ קיילעכדיקער מיט אַ גאַלערעע האָט אַרום און אַרום לעכער

פאַר האַרמאַטן. די נייע משפחות פון פוילן האָבן געבויט די שול, זיך פאַרזאָרגט פאַר אַן אָנפאַל.

פאַר די פינף-און-פערציק יאָר האָבן טייל משפחות זיך איבערגעקליבן אין גרעסערע שטעט, אַנדערע — אויפן בית-עולם. די קהילה איז געוואָרן מאָגער, גאָר מאָגער, קוים געקאָנט אויסהאַלטן דעם רב, וואָס איז איצט געגאַנגען געבויגן, מיט אַ גרוי, צעווינטלט בערדל.

עס איז געווען אַ שטיק נאָך מיטאָג, ווען דער רב האָט געקוקט אין קהלשן פנקס, נישט געזען, ווי דינע פאַסמעס ליכט רויטלען זיך אַרום די פענסטער. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען געבונדענע העפטן. דאָס זיינען געווען די נאָטיצן, וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד. דעמאָלט איז ער געווען יונג, דעמאָלט האָט ער זיך געקליבן איבערצוקערן אַ וועלט, דעמאָלט האָט גליקכן געזונגען אירע „יאָדישע" לידער. ער האָט דאָס אַליץ געקאָנט אָנטאַפן מיט די שפיץ פינגער, ער האָט אַריינגעאָטעמט שטיקלעך ריחות, וואָס האָבן דערמאָנט שטעט, מענטשן, זאַכן. און איצט? מענטשן און דורות האָבן זיך געקרייצט, איבערגעלאָזט נאָך זיך דאָ אַ קנייטש, דאָרט אַ ריח, און נישט געוואָרן. עס האָט אים וויי געטאָן. דאָס אייגענע לעבן — צעטרענצלט, צעשטויבט. אָנשטאָט קינדער האָט גליקכן איבערגעלאָזט נאָך זיך „יאָדישע" לידער. אין לימבורג זינגט מען בלויז אירע ניגונים. די ווערטער פאַרשטייט קיינער נישט. און די צימערן שרעקן, טרייבן פון זיך.

אויף גיך האָט וואַן-קאַסטראָ עפעס איבערגעשריבן פון אַ העפט, וואָס ער האָט פאַרצייכנט אין סענט פאָל, ענגלאַנד. ער האָט געשריבן און געלייענט:

„דאָ ליגט באַגראָבן דאָראָטי פענטריט, וואָס איז געשטאָרבן אין 1778, דער לעצטער מענטש, וואָס האָט נאָך גערעדט קאָרניש. מיט איר איז אויך אָפגעשטאָרבן אינם סענט-פאָלער ישוב דאָס אַלטע לשון פון קאָרנוואָל".

דער רב האָט אַ כאַפ געטאָן דאָס איבערגעשריבענע פאַפיר צווישן די שטאַרע פינגער פון דער רעכטער האַנט, דעם שטעקן —

אין דער לינקער, און איז אַרויס פון שטוב. ער איז דורך דעם געדיכטן סאָד, וואָס האָט געשמעקט מיט צייטיקע עפּל, מיט רייפע באַרנעס. ביים אַרויסגאַנג פון סאָד, אויפן זאַמדיקן וועג, וואָס פירט צום בית־עולם, האָט דער גערטנער אויסגעפּרוּווט אַ יונגן שימל. דער פערד־הענדלער האָט ווילעריש צוגעקנאַלט מיטן בייטשל און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— איין „טוב“ פערד! גאָר איין „טוב“ פערד!

— וואָס זאָגסטו, פּיטער הענדריק? — האָט דער רב געפרעגט דעם פערד־הענדלער.

— ס'איז אַ גוט פערד — האָט דער פערד־הענדלער זיך פאַרטייטשט.

— ניין, — האָט דער רב געשמייכלט — האָסט, דאַכט זיך, געזאָגט אַ „טוב“ פערד?

— נו, יאָ, געוויס, הער ראַבינער — איז דער פערד־הענדלער געוואָרן דרייסטער — מיר, לימבורגער פערד־הענדלער, ריידן דאָך „לאָשן קאָדיש“.

— וואָס? — האָט דער רב צוגעלייגט אַ האַנט צום אויער.

— וואָס וווּנדערט איר זיך, הער ראַבינער, — האָט דער פערד־הענדלער גענומען אויסרעכענען אַ צעטל העברעיִשע ווערטער — מיר האָבן גענומען פון יידן דעם קי־און פערד־מסחר, האָבן מיר אויך איבערגענומען סלשון, כ'מיין „לאָשן קאָדיש“.

דער רב האָט זיך צעלאַכט, דין און שפּיציק. ער האָט גענומען שאַרן מיטן שטעקן און זיך געלאָזט צום בית־עולם. נאָך פינף יאָר, העכסטנס צען, און עס וועט ניט בלייבן אין לימבורג קיין איין ייד. „לאָשן קאָדיש“ האָבן גוייִשע פערד־הענדלער איבערגענומען, „יאָדיש“ איז אָפּגעשטאָרבן מיט גליקכן. איצט דאַרפן בלויז קומען די וויסנשאַפטלער און באַווייזן, ווי זיי האָבן באַוויזן אין קאָרנוואָל, אַז אין לימבורג זיינען קיינמאָל קיין יידן ניט געווען.

דער רב איז צוגעגאַנגען צו גליקכנס קבר. ווי ווייט ס'אויג האָט געקאָנט כאַפּן — מצבות. אַלטע, געבויגענע, אָפּגעריבענע און נייע, גאָר נייע. צווישן די מצבות האָט געבלויטיקט דער טאָג, זיך געזעגנט.

ר׳ מנשה וואַן־קאַסטראָ האָט זיך געווישט די אויגן, וואָס זיינען אַצינד געווען רויט, געזאָגט מיטן ניגון פון קדיש:

„דאָ ליגט באַגראָבן גליקכן וואַן־פּראַג, וואָס איז געשטאָרבן אין 1930, דער לעצטער מענטש, וואָס האָט גערעדט אין היגן ישוב „יאָדיש". מיט איר איז אויך אָפּגעשטאָרבן אין לימבורג ס׳יאָדישע לשון".

1928